וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א


# קרית ברסלב בלעטל


פרשת ראה, כ"ט מנחם אב תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון פ"ט


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות........................7:52
מוצאי שבת..................................9:21

# א מעשה פון תפלה

## משה יחיאל פעלדמאן

שוין א לענגערע צייט וואס די גראסערי אין שטעטל פרובירט צו ווערן אפראווד, מען זאל קענען באצאלן מיט פוד סטעמפס וואס מען באקומט פון די שטאט - אבער אן ערפאלג ס'איז נישט געגאנגען, איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן עס יא דורך לאזן גרינגערהייט אן קיין פראבלעמען, ברוך השם פארגאנגענע וואך האבן מיר באקומען די גוטע בשורה אז זיי אפראוון די גראסערי צו קענען רעכענען פוד סטעמפס, זיי זענען אראפגעקומען באזיכן די גראסערי צו זעהן אויב אלעס איז גוט לויט זייערע סטאנדארטן און געזעצן, שכח אייבערשטער אלעס איז אדורך בשלום!

## יעקב משה אינדארסקי

די סיעט בעלט פון מיין קאר איז צובראכן געווארן, איך האב דאס געשיקט פאררעכטן ביים מעכאניקער אבער זיי האבן ארום געשלעפט מיט מיר, אזוי איז אדורך אפאר טעג וואס איך האב געווארט ער זאל מיר צוריק געבן די קאר אבער ער האט עס נאך נישט געהאט פארראכטן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן עס שוין שנעל פאררעכטן און מיר צוריק געבן דעם קאר ווי אמשנעלסטן, ווייל אן א קאר איז זייער שווער צו אנקומען ווי מען דארף, שכח אייבערשטער אז גלייך נאכדעם האט ער מיר גערופן זאגן אז ער ארבעט פלייסיג עס צו האבן פארראכטן ווי אמשנעלסטן, נאך א טאג צוויי האב איך ברוך השם צוריק באקומען די קאר פארראכטענערהייט. שכח אייבערשטער!

## אשר יעקב בלום

מיין בוילער האט זיך געהאט שוין צוויי מאל צובראכן, ס'האט אויסגעזעהן ווי דאס וועט שוין נישט קענען ווערן פארראכטן, און איך וועל דארפן קויפן א נייע, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל עס נאך יא קענען פאררעכטן און איך זאל נישט דארפן קויפן א נייע בוילער וואס קאסט זייער אסאך געלט, שכח אייבערשטער איך האב געקענט טרעפן דעם ריכטיגן מענטש וואס קען פאררעכטן אזאלעכע סארט בוילער, ער איז אריבער געקומען און עס פארראכטן גאר שנעל פאר נישט קיין טייערע פרייז, שכח אייבערשטער!

# נייעס אין שטעטל

### פרישע אפדעיטס

### איבער די הכתרה פארן דיין שליט"א

מיט גרויס עקסטאז גרייטן זיך אנשי שלומינו צום געהויבענעם מעמד הכתרה, וואס וועט פארקומען בעזרת השם יתברך אום זונטאג פרשת תצא, ז' אלול הבעל"ט, און וועט אפגעראכטן ווערן ברוב פאר והדר אינעם גרויסן אודיטאריום פונעם בנין המוסדות אין ליבערטי, ווי מען וועט אפגעבן דעם פאסיגן כבוד התורה, ווען דער ראש ישיבה שליט"א וועט ממנה זיין דעם גרויסן תלמוד חכם וואס יראתו קודמת לחכמתו הרה"ג ר' יונה זינגער שליט"א אלץ דיין ומורה צדק בקהילת היכל הקודש ברסלב ליבערטי, און וועט בעז"ה שטיין צום דינסט פונעם ציבור צו פסק'נען שאלות.

די עסקנים זענען די וואך געזיצן ביי מיטינגען אויסצוארבעטן די טעכנישע דעטאלן וואס פעלט זיך אויס פארן גרויסן מעמד, אין דעם איז אריינגערעכענט די שירה וזמרה, ווי עס וועט מהנה זיין די בארימטע "הלווים" קווייער צוזאמען מיט דעם בארימטער שפילער ר' ישראל גאלדשטיין הי"ו, אין די יעצטיגע טעג ארבעט מען אויס וועלעכע ניגונים און פרקי חזנות צו זינגען לכבוד אזא גרויסע און היסטארישע מאורע, אזוי אויך גרייט מען אן ווארימע ימים נוראים ניגונים צו זינגען אלץ הכנה צו די הייליגע טעג וואס קומט שוין אט אט.

אזוי אויך ווערט אין די טעג אויסגעארבעט די דעטאלן פונעם גרויסן סעודת מצוה וואס וועט זיין צוגעגרייט פאר אלע משתתפים, אויך גרייט מען צו א באזינדערע פלאץ פאר די קינדער צו קענען מיטהאלטן די כבוד וואס מען געט פאר די תורה.

עקסטער זיצן די עסקנים מיט די פאליציי און שטאטישע באהערדע, ווי מען רעדט מיט זיי איבער די טרעפיק און פארקינג, אז אלעס זאל זיין צו די צופרידנהייט פון די שטאט באאמטע און פונעם ציבור, מען ארבעט אויס עטליכע גרויסע פארקינג ערטער אינעם געגענט צו קענען אקאמאדירן די פילע משתתפים. מיט דעם אלעם ווערט ערווארטעט אז דער ציבור וועט זיין אסאך מער פון וויפיל פארקינג מען קען צושטעלן אינעם געגענט, דערפאר ווערט געפלאנט מען זאל צושטעלן שאטל באסעס פון שטעטל אהין און צוריק עקסטער פאר מענער און פרויען, וואס וועט טראגן דעם ציבור, אזוי אז מען וועט קענען פארקן אין שטעטל און פון דארט נעמען דעם שאטל וואס וועט צוטראגן בעזרת השם צום טיר פון זאל.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף ווערט ערווארטעט א הערליכער מעמד, מיט די פערזענליכע באטייליגונג פון פילע גרויסע רבנים, ביי וועם דער דיין שליט"א האט גענומען שימוש.

דער ראש ישיבה שליט"א טוט איינלאדענען אלע אנשי שלומינו מיט די משפחות צו דער היסטארישער מעמד הכתרה וועט וועט לאנג געדענקט ווערן ביי אלע באטייליגטע.




**האט רחמנות אויף אונזערע קינדער**
**פארט נישט שנעל אין שטעטל**

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זַייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כֹּחוֹת, אוּן וֶוערְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן קֵיינֶעם. בַּיי מִיר זֶענְט אִיר זַייעֶר חָשׁוּב; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זַייעֶר אַז אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר, אִיר זֶענְט אַ חֵלֶק אִין אוּנְזֶער קְהִלָּה. דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט צוּ פַארְדִינְגֶען בָּאנְגֶעלָאוֹס פְרֶעגְט מִיר יֶעדֶע מִשְׁפָּחָה צִי מֶען קֶען זֵיי פַארְדִינְגֶען אַ בָּאנְגֶעלָאוֹ, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז פַאר מִשְׁפַּחַת ... מִיט זַיין וַוייבּ זָאל עֶר זִיכֶער מַאכְן צוּ פַארְדִינְגֶען אַ בָּאנְגֶעלָאוֹ.

עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ הֶערְן אַז אֵיינֶער הָאט אַייךְ גֶעזָאגְט אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט קַיין חֵלֶק פוּן דִי קְהִלָּה "וַוייל אִיר שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ דִי הָאר"; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער עֶס הָאט אַייךְ דָאס גֶעזָאגְט אוּן אִיךְ וִויל נִישְׁט וִויסְן וֶוער דָאס אִיז, אִיךְ זָאג אַייךְ אַז **אִיר זֶענְט אַ חֵלֶק פוּן דִי קְהִלָּה** וַוייל אִיר ווִילְט זַיין גוּט אוּן אִיר זֶענְט גוּט.

בְּנוֹגֵעַ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר וְכוּ׳; דָאס אִיז גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"שׁ׳ס רָצוֹן, אַז מֶען זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אוּן וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט אוּן אִיז נִישְׁט מְסוּגָל אוֹיף דֶעם וְכוּ׳ וְכוּ׳ זָאל זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי הָאר זָאל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּגֶעדֶעקְט. אָבֶער מֶען מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז וֶוער עֶס שֶׁערְט נִישְׁט דִי הָאר אִיז נִישְׁט אַ חֵלֶק פוּן קְהִלַּת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; פַארְקֶערְט, מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט אַייעֶר מִשְׁפָּחָה אוּן מִיר קוּקְן אוֹיף אַייךְ שֵׁיין, דִי וָואס מַאכְן מַחְלוֹקֶת אוּן זֶענֶען מְחַרְחֲרֵי רִיב - **זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַ חֵלֶק פוּן אוּנְזֶער קְהִלָּה** אֲפִילוּ זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אוּנְטֶער דִי פִּיס אוּן שְׁטֶעלְן זִיךְ אַהֶער ווִי וֶוער וֵוייסְט וָואס וד"ל.

**וואוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר טוּט זִיךְ אָן בִּצְנִיעוּת;** קוּקְטְס נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר וַוייטֶער לֶעבְּן מִיט אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן בְּאַהֲבָה וּבְשָׁלוֹם. אִיךְ הָאבּ זַייעֶר לִיבּ אַייעֶר מַאן, עֶר אִיז אַ טֵייעֶרֶער מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זֶענְט אוֹיךְ זַייעֶר גוּט אוּן עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

נֶעכְטְן נַאכְט הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעשְׁטַאטֶעט אַ פְּלוּצְלִינְג׳דִיגֶע בַּאזוּךְ אִין שְׁטֶעטְל; אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט ווִי אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר לֶערְנְט פָאר דֶעם שִׁיעוּר אִין גְמָרָא בְּטוּב טַעַם וָדַעַת, אַזוֹי שֵׁיין אוּן אַזוֹי לַייכְט צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן קֶענֶען מִיט הַאלְטְן.

בִּכְלַל אִיז **דֶער לוּפְט אִינֶעם שׁוּל זַייעֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט;** מֶען שְׁפִּירְט דָארְט הַשְׁרָאַת הַשְׁכִינָה, אַחְדוּת אוּן לִיבְּשַׁאפְט, **מֶען שְׁפִּירְט דָארְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס תְּמִימוּת,** מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט וֶוען עֶר אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין אוּמַאן, עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן גֶעזָאגְט: "**תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד**" אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, "**כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפַּעַם**". אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַייךְ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קפז)".

דֶערְפַאר שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ דָאס אַז אִיר זָאלְט זֶען פוּן אַייעֶר זַייט - **אִין וַוייבֶּער שׁוּל זָאל אוֹיךְ הֶערְשְׁן אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט,** מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אוּן מֶען זָאל זוֹכְן ווִי מֶען קֶען **טוּן חֶסֶד צְווִישְׁן זִיךְ**, - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט זִיךְ וַוייטֶער צוּזַאמְנֶעמֶען אֵיינְמָאל אַ וָואךְ - יֶעדְן דִינְסְטָאג וְכַדוֹמֶה - זִיךְ מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**


**וועלכע דריי זאכן האט דער הייליגער רבי אונז אנגעזאגט צו אכטונג געבן אין ראש השנה**

וועלכע **דריי** תירוצים זענען ריכטיג?

א) רעדן ווייניג
ב) זיין פריילִיך, און אויך וויינען
ג) זיך איבערבעטן
ד) טראכטן גוט



חידות אפטיילונג

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז בערי יאקאבאוויטש נ"י

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

ענטפערס פון פאריגע וואך

די ערשטע צוויי תירוצים


## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**יואל מענדלאוויטש הי"ו וזוגתו נעמי תחי׳**

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.


## מרן הדפסה היכל הקודש

**עס איז שוין דא צובאקומען דעם נייע "לוח ברסלב" פאר שנת תשפ"ב**

**אזוי אויך איז יעצט ארויס פון דריק אין גרויסע פארמאט א קונטרס מיטן נאמען "איינער פארשטייט מיך"**

**מען גרייט זיך צו דריקן נאך פרישע קונטרסים, צו נעמען א חלק רופט**

718-387-2691 #103.